בס"ד. שיחת ש"פ שלח מבה"ח תמוז ה'תשל"ג. הנחה פרטית בלתי מוגה

(כ"ק אדמו"ר שליט"א קידש על היין).

(חלק מג' שיחות הראשונות נדפסו בלקו"ש חכ"ג ע' 92 ואילך).

א. די התוועדות איז דאך פארבונדן מיט פ' שלח, וואס דאס איז א סדרה אין דער תורה, און עס ווערט אנגערופן שלח על שם די מעשה המרגלים, וואס יעדער זאך וואס ווערט דערציילט אין דער תורה איז דאך א הוראה נצחית פאר יעדן איינעם אין אלע זמנים און אין אלע ערטער, דארף מען פארשטיין וואס איז די הוראה וואס מען קאן ארויסנעמען פון די מעשה המרגלים, וואס לכאו' וואלט געווען גענוג אויב די תורה וואלט דאס דערציילט באופן כללי אז משה רבינו האט געשיקט מרגלים און דערנאך זיינען זיי צוריקגעקומען "ויוציאו את דבת הארץ גו'" (פרשתנו יג, לב) ביז זיי האבן געפועל'ט ויבכו העם כל אותו הלילה און זייער עונש, וואס איז נוגע דא צו דערציילן די אלע פרטים פון דער מעשה, און וויבאלד די תורה קומט דא דערציילן די אלע פרטים ווי משה רבינו האט זיי אויסגעקליבן און וואס ער האט זיי געהייסען און דערנאך וואס זיי האבן געטאן און ווי זיי זיינען צוריק געקומען וכו' מוז מען זאגן אז יעדער פרט קומט אונז לערנען א הוראה.

ובפרט אז פון יעדער אות און קוץ אין דער תורה לערנט מען דאך אראפ כמה הלכות, און ווי עס ווערט מבואר בארוכה אין תושבע"פ, וואס דארטן גופא איז ער ניט מאריך אזוי פיל, און אלץ איז בדיוק, און אפע"כ איז פון יעדער אות פון תושב"כ לערנט מען אפ גאנצע ענינים, במילא מוז מען זאגן אז די הוראה וואס מען קאן ארויסנעמען פון די מעשה המרגלים, איז עס ניט נאר א הוראה פון דעם כללות הענין, נאר עס איז פון יעדער פרט אין דעם ענין.

בנוגע די מעשה המרגלים געפינט מען אז די עוולה וואס זיי האבן אפגעטאן, איז געווען א מורא'דיקע עוולה, ביז מען געפינט אז משה רבינו האט זיך געדארפט איינשטעלן פאר זיי באופן פון מתפלל זיין אויף זיי, און ניט מתפלל זיין סתם א תפלה, נאר עס האט געדארפט זיין באופן של "ועתה יגדל נא כח אד-ני", אז עס האט געדארפט זיין א פארשטארקונג אין דעם "כח אדני", עס זאל צוקומען א כח אין עצמות כביכול, וואס דאס געפינט מען ניט ערגעץ אנדערש א חוץ דא, און אפי' לאחר וואס ער האט שוין מתפלל געווען האט דאס אבער ניט געקאנט פועל'ן אז די אידן זאלן קאנען ארייגגיין אין א"י, נאר דעם דור פון די מרגלים האבן געדארפט בלייבן אינעם מדבר, און נאר "טפכם" האבן געקאנט ארייגגיין אין א"י, במילא זעט מען פון דעם אויך ווי גרויס איז געווען די עוולה וואס די מרגלים האבן אפגעטאן.

לאידך גיסא געפינט מען גאר דער היפך, אז בשעת זיי זיינען געשיקט געווארן זיינען זיי געשטאנען אין גאר א הויכער דרגא, ווארום שילוח המרגלים איז געווען אין אן אופן פון "שלח לך - לדעתך", לדעת פון משה רבינו, וואס אויף משה רבינו זאגט מען דאך אז ער איז געווען א "רועה נאמן", אן אמת'ער רועה וואס האט גוט געוואוסט די אידן, און ווי עס שטייט דעם לשון "רעיא מהימנא", און ער איז געווען אן עבד נאמן פון דען אויבערשטען, ווי ס'שטייט "פה אל פה אדבר בו", "בכל ביתי נאמן הוא", און דער ענין פון אן עבד איז דאך אז דעתו איז דער דעת פון דעם אדון, במילא בשעת עס איז געווען דער "לדעתך", איז דאס זיכער געווען דעם דעת פון דעם אויבערשטן, במילא מוז מען זאגן בנוגע צו די מרלגים אז זיי זיינען דעמאלט געשטאנען בדרגא נעלית ביותר, ווארום מה דאך בנוגע צו אן אדם פשוט בשעת ער דארף שיקען מענטשן אויף דורכפירען א געוויסער שליחות וועט ער זיכער ניט שיקען איינעם וואס עס איז דא א הוה אמינא אז ער וועט קאנען דורכפאלען אין דער שליחות איז עאכו"כ משה רבינו וואס ער איז געווען א רועה נאמן, איז זיכער בשעת ער איז געגאנגען קלייבן זיינען זיי זיכער געווען אזעלכע אנשים כשרים וואס וואלטן ניט דורכגעפאלען קיין ענין ניט.

עפ"ז מוז מען זאגן אז בתחילת שילוח המרגלים זיינען זיי טאקע געשטאנען אין גאר א הויכער דרגא, און עס איז געווען א מורא'דיקע גוטע זאך, נאר באמצע האט זיך אריינגעמישט א זייטיקער ענין וואס האט גע'פועל'ט אט דער ירידה באין ערוך.

אויך דארף מען פארשטיין פארוואס האט משה רבינו בכלל געדארפט שיקן די מרגלים, דער אויבערשטער האט שוין אנגעזאגט משה רבינו אין פ' וארא אז נאך מצרים וועט זיין דער "והוצאתי והצלתי וגאלתי ולקחתי" און ביז צום "והבאתי אתכם אל ארץ טובה ורחבה", במילא האט מען שוין געוואוסט אז א"י איז געווען אן ארץ טובה און אז די אידן וועלען דארטן אריינגיין, איז נאך וואס האט מען געדארפט שיקען די מרלגים.

וועט מען דאס פארשטיין בהקדם הביאור אין דעם וואס מען געפינט אז די שליחות המרגלים איז בכללות באשטאנען פון צוויי ענינים:

איין ענין איז געווען וואס ער האט זיי געזאגט אז זיי זאלן אויסגעפינען "החזק הוא הרפה המעט הוא אם רב הבמחנים אם במבצרים", וואס דאס איז אלץ פרטים צו אויסגעפינען ווי מען קאן איינעמען א"י, ווארום דער סדר איז איידער מען גייט איינעמען א שטאט דארף מען ערשט זען וואס פאר אן אופן זיינען זיי דארטן בכדי מען זאל זיין גרייט און וויסן ווי זיי איינצונעמען (ראה גם רמב"ן ריש פרשתנו),

דער צווייטער ענין: ניט נאר צו וויסן ווי צו איינעמען די לאנד, נאר צו אויסגעפינען די פרטים וועגן דער לאנד גופא "הטובה היא גו' השמנה היא גו'", ביז אז ער האט זיי אנגעזאגט "והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ", ד.ה. אע"פ אז דורך מיטנעמען "מפרי הארץ" שטעלן זיי זיך איין אין סכנה אז מ'וועט קענען דערקענען אז זיי זיינען מרגלים, פונדעסטוועגן האט ער געזאגט "והתחזקתם ולקחתם מפרי הארץ".

וואס לפי זה איז פארשטאנדיק דאס וואס ער האט זיי געהייסען גיין אויפן צד המערב, וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק נאך וואס האבן זיי געדארפט גיין אויפן צד המערב דאס איז ניט געווען נוגע וויסן ווי איינצונעמען, ווארום זיי וואלטן סיי ווי ניט געקאנט אריינגיין דורכן צד המערב ווארום דארטן איז געווען דער ים סוף, און די אידן זיינען דאך געווען במזרחה של א"י אין ערבות מואב, איז נאך וואס איז געווען נייטיק גיין אויפן צד המערב, איז פון דעם איז מען מוכיח און רש"י ברייננגט עס אויך בפירושו אז אין דעם שילוח המרגלים איז ניט נאר געווען דער ענין וויסן ווי איינצונעמען א"י, נאר משה האט אויך געוואלט וויסן צי עס איז אן ארץ טובה אדער ניט, דעריבער האט ער זיי געשיקט אומעטום אין יעדער צד פון א"י אויף זען צי אין יעדער ארט פון א"י איז זי א ארץ שמינה,

וואס לכאו' איז דאס אינגאנצן ניט פארשטאנדיק: צוליב וואס האט משה רבינו געדארפט וויסן (דעם צווייטן ענין) "הטובה היא גו' השמינה היא גו'" בשעת דער אויבערשטער האט אים בפירוש אנגעזאגט אז א"י איז אן "ארץ טובה ורחבה גו' זבת חלב ודבש (שמות ג, ח)?

נאר מען וועט דאס פארשטיין בהקדים וואס מען געפינט בנוגע צו מ"ת, אז וואס האט אויפגעטאן אז דער אויבערשטער זאל געבען די תורה איז דאס געווען דורך דעם וואס די אידן האבן געזאגט "נעשה ונשמע" (משפטים כד, ז), וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק פארוואס האט געדארפט זיין בלידע ענינים סיי "נעשה" און סיי "נשמע", דלכאו': דער עיקר אויפטו איז געווען דאס וואס די אידן האבן געזאגט אז זיי זיינען גרייט טאן אלץ וואס דער אויבערשטער וועט זיי הייסן, ("נעשה"), איז וואס איז נוגע צו דערנאך אויספירען "נשמע", וואס "נשמע" דא מיינט ניט סתם הערן, ווארום יעמאלט פאסט ניט זאגן "נעשה" פאר "נשמע" ווארום ווי איז שייך ער זאל טאן איידער ער ווייסט וואס מען דארף טאן, נאר "נשמע" מיינט הבנה והשגה, איז לכאו' וואס איז נוגע אז עס איז דא דער "נשמע" אדער ניט, דער עיקר איז דער

"נעשה" - אז די אידן זאלן זיין גרייט אויף טאן אלץ וואס דער אויבערשטער וועט זיי הייסען.

ובפרט אז בא מ"ת גופא איז געווען איין מאל אז די אידן האבן געזאגט נאר "נעשה" אליין (משפטים כד, ג) און מיט דעם איז משה רבינו געגאנגען צום אויבערשטן, במילא איז ניט פארשטאנדיק פארוואס האט געדארפט זיין בײדע ענינים סיי "נעשה" און סיי "נשמע", און ווי די גמ' דערציילט אז דוקא דורך דעם וואס די אידן האבן געזאגט ביידע ענינים "נעשה" און "נשמע" און מקדים געווען "נעשה", מיט דעם האבן זיי אויפגעטאן דעם ענין, וואס לכאו' וואס איז נוגע דער "נשמע".

נאר פון דעם גופא זעט מען אז עס איז ניט גענוג אז עס זאל זיין די עבודה פון "נעשה" אליין נאר מען מאנט פון א אידן אז לאחר וואס ער האלט ביים דרגא פון "נעשה" דארף דערצו זיין דער "נשמע", ד.ה. אז ניט נאר ער זאל טאן תומ"צ מצד זיין עשי' אליין נאר ער דארף עס דערנאך אראפטראגען אין זיין הבנה והשגה, נאר מען באווארנט אז די ערשטע זאך דארף זיין "נעשה", ווייל אויב ער וועט אנהויבן מיט "נשמע" אליין יעמאלט וועט דער "נעשה" זיין באגרענעצט לויטן "נשמע", און א מענטש איז מוגבל, במילא וועט ער נאר טאן ווי עס קומט אויס לויט זיין הבנה און מער ניט, דעריבער זאגט מען אז די ערשטע זאך דארף זיין דער "נעשה", און לאחר וואס ער איז גרייט אלץ טאן דארף ער ניט בלייבן ביים "נעשה" אליין נאר ער דארף עס דערנאך אראפטראגען אין זיין הבנה והשגה.

עד"ז איז געווען דער ענין פון שילוח המרגלים, כאטש אפילו דער אויבערשטער האט שוין אנגעזאגט משה רבינו אז א"י איז אן "ארץ טובה וגו'" איז עס אבער אלץ געווען באופן של אמונה, אבער דער תכלית איז דאך ניט בלייבן ביי דער אמונה אליין נאר מען דארף עס אראפטראגען אין הבנה והשגה, זען בפועל ווי עס איז אן ארץ טובה. דער אויבערשטער וויל אז אידן זאלן איינזען דעם גוטס פון ארץ ישראל אויך בשכלם הם.

וואס מיט דעם קאן מען אויך מסביר זיין, פארוואס געפינט מען דוקא אז ביים מעשה המרגלים האט דער אויבערשטער געזאגט "לדעתך", ווארום אויב דער ענין פון שילוח המרגלים וואלט געקומען דורך דעם וואס דער אויבערשטער וואלט געגעבן משה רבינו א ציווי און אים געהייסן שיקען די מרגלים, וואלט ער דאס געטאן באופן של "נעשה" און ניט "נשמע", דעריבער האט דער אויבערשטער געוואלט אז עס זאל זיין אין אן אופן פון "לדעתך" דוקא וואס יעמאלט האט דאס משה רבינו ניט נאר געטאן באופן של "נעשה" נאר אויך "נשמע".

און דא קריגט מען גלייך ארויס די הוראה בנוגע צו כללות תומ"צ, אז הגם מען מאנט טאקע אז זיין עבודה זאל זיין באופן של אמונה, פונדעסטוועגען זאגט מען אבער אז ער דארף זיך ניט באגנוגענען מיט דעם אליין, נאר ער דארף עס אראפטראגן אין זיין הבנה והשגה, און דאס איז וואס דער רמב"ם זאגט, אז עס איז ניט גענוג די עבודה מצד אמונה אליין, נאר עס דארף זיין דער "דע את אלקי אביך" און דוקא יעמאלט קאן זיין דער "ועבדהו בלב שלם", הגם טאקע עס איז דא די מעלה פון אמונה, און ווי עס שטייט אויף משה רבינו "פתי יאמין לכל דבר - זה משה רבינו", פונדעסטוועגען זאגט מען אבער אז דערצו דארף אויך זיין די עבודה עפ"י הבנה והשגה, און דוקא יעמאלט איז די עבודה בשלימות.

און דאס האט מען אויך געזען ביים שילוח המרגלים, ווי דער גאנצער אופן איז געווען "לדעתך" דוקא, און משה רבינו האט זיך ארײנגעלייגט אין דעם ווי אויסארבעטן דעם גאנצען ענין פון די שילוח המרגלים, ווי זיי זאלן גיין און וואס זיי זאלן טאן וכו', ווארום עס איז ניט געווען גענוג דאס וואס דער אויבערשטער האט אים געזאגט אז מען וועט ארײנגיין אין א"י און דאס איז אן ארץ טובה, נאר ער האט געדארפט זען ווי אראפטראגען בהבנה והשגה, דעריבער האט ער זיך אזוי פיל ארײנגעלייגט אין דעם שילוח המרגלים.



הנחה פרטית בלתי מוגה

ועד"ז מאנט מען בעבודה אז זיין עבודה דארף זיין באופן של השגה, ביז אפילו מעשה המצוות זאל ער דאס ניט טאן מצד קבלת עול אליין נאר ער דארף וויסן די טעמי המצוות, וואס דאס איז נוסף אויפן "גדול לימוד שמביא לידי מעשה" אז ער דארף וויסן ווי צו טאן די מצוה, נאר עס דארף זיין די הבנה אין דעם עצם ענין פון דער מצוה, וואס דעריבער געפינט מען אז עס זיינען דא כמה גדולי ישראל וואס זיי האבן זיך ארייגעלייגט אויף מבאר זיין טעמי המצוות, ווארום עס דארף זיין דער "נשמע".

און דאס מאנט מען פון יעדער איינע, ניט ער זאל טענה'ן אז די הבנה והשגה אינעם ענין איז נאר פאר יחידי סגולה זיי דארפן האבן די הבנה, ווארום "צדיק באמונתו יחי'" "אל תקרי יחי' אלא יחַי'" אז אלץ פארלאזט מען זיך אויף די יחיד סגולה, זאגט מען אים אז דאס האט א שייכות צו עס, און ווי דער אלטער רבי האט געזאגט אויף דעם ענין פון "יפוצו מעינותיך חוצה", אז דאס האט א שייכות צו יעדן איינעם, יעדער איינער קאן און דארף האבן אין דעם הבנה והשגה,

און דער ענין פון "נשמע" איז נוגע ניט נאר בנוגע צום כללות המצוה, נאר ער דארף אויך האבן א הבנה אין די פרטי המצוות, און דאס זעט מען פון היינטיקער פרשה בנוגע צו ציצית, וואס רש"י טייטשט אויס דארטן און גיט א טעם אויף יעדער פרט פונעם מצוה: דער טעם אויף מספר החוטין (טו, לט), דער טעם אויף דעם קאליר (שם, מא) און דער טעם פארוואס "ציצית" ווערן אנגערופן בשם זה (שם, לח), וואס דאס אלץ איז רש"י מבאר צו א בן חמש למקרא, איז עאכו"כ דער וואס איז עלטער פון דעם דארף זיכער זיין זיין הבנה והשגה אין מצות באופן פרטי.

און דאס איז די נקודה וואס מען נעמט ארויס פון שילוח המרגלים אז עס איז ניט גענוג קיום המצוות באופן של נעשה אליין, ווארום יעמאלט ווער איז מקיים די מצוה נאר זיין כח העשי' וואס דאס איז דער נידעריקסטער כח, נאר מען מאנט פון אים אז אויך זיין קאפ דער הבנה והשגה זאל זיין אין דעם.

און דאס איז דער כללות'דיקער צוגאנג צו קיום המצוות, הגם דער עיקר איז דאך דער "אשר קדשנו במצוותיו" (קבלת עול), זאגט מען אבער אז דאס איז ניט גענוג נאר עס דארף זיין אין דעם דער "נשמע", הבנה והשגה אין דער מצוה עד כמה שאפשר.

וואס מיט דעם איז פארשטאנדיק די הוראה וואס מען קאן ארויסנעמען פון מעשה המרגלים ווי דאס איז נוגע לכל הזמנים ולכל המקומות אז בשעת א איד גייט מאכן דער וועלט היילק דארף זיין דערצו דער "ויתורו" ער דארף עס דורכנעמען מיט אלע אירע פרטים און אין אלע פון זיי דארף זיין דער "יהורו" הבנה והשגה וואס דעריבער געפינט מען אז די תורה איז אזוי שטארק מאריך אין די אלע פרטים ווי משה רבינו האט זיי געשיקט, און ווי ער האט זיך ארייגעלייגט אין דעם, און עס ווערט דערציילט מיט אלע פרטים דעם שם פון'ם מרגל מיט זיין טאטענס נאמען וכו', ווארום אזוי דארף זיין דער סדר אז מען דארף נעמען דעם ענין באופן של "נשמע" און דורכנעמען דאס בכל הפרטים (חסר הסיום).

ב. עפ"י האמור לעיל וואס מען מאנט אז דער סדר העבודה דארף זיין באופן של "נעשה ונשמע", אין תומ"צ, עד"ז מאנט מען אויך בשעת ער האט צו טאן מיט עניני רשות, איז אויך דארטן דארף די עבודה זיין באופן של נעשה ונשמע, ווארום "בכל דרכיך דעהו" אפי' בשעת ער טוט עניני רשות, מאנט מען פון אים אז אויך בשעת ער טוט אין עניני עולם קאן ער אויך ארויסקריגען פון דארטן הבנה אין אלקות ווארום ער וועט זען ווי "מה רבו" ו"מה גדולו מעשיך ה'", און דאס נעמט ער אן ניט נאר באופן של אמונה נאר ער קאן דאס ארויסקריגען באופן של "נשמע" בהבנה והשגה.

הגם דאס איז אזעלכע ענינים וואס זיינען פארבונדען מיט וועלט ובמילא האבן זיי ניט קיין שייכות צו קדושה, ווארום דאס איז "מעשיך" און "דרכיך" פון וועלט, ביז ווי דער אלטער רבי ברייננגט (תניא פ"ח) אויף דעם אז בשעת איינער וויל טאן אין דעם דארף זיין אויף דעם כמה עניני זהירות און דוקא אויב ער טוט עס באופן

של קרדום לחתוך בה א ענין פון פרנסה, נאר צוליב דער תכלית מעג ער טאן אין דעם, אבער ביז מען קומט אן צום תכלית דארף מען האבן דערצו כמה זהירות, פונדעסטוועגן זאגט מען אז אפי' אין ענינו עולם קאן מען פון דארטן ארויסנעמען אלקות ביז באופן של "דעהו" באופן של הבנה והשגה.

און דעם ענין קאן מען אויך אפלערנען פון די מרגלים, ווארום זיי זיינען געגאנגען זוכן א"י אלץ אן ארץ נאר צוליב זייטיקע ענינים זיינען זיי א דורך געפאלען, אבער אן דעם איז אדרבה וויבאלד תורה איז דאך אן תורת אמת שרעקט זי זיך ניט אפ פונעם אמת, איז דורך תורה קאן מען אפי' גיין אין וועלט און ארויסקריגען פון דארטן דעם "מה רבו מעשיך ה'", אבער ווען קאן ער דאס טאן דאס איז נאר בשעת ער גייט מיטן אמת, איז יעמאלט הגם ער קאן מורא האבן טאמער וועט ער ניט קומען צו דער ריכטיגע מסקנא זאגט מען אבער בשעת ער וועט זיך פארבינדען מיט וועלט דעמאלט דארף ער ניט מורא האבן ווארום דורך תורה קאן מען מגלה זיין דער אלקות וואס איז אין וועלט.

און דערביי זאגט מען אז דער צוגאנג ווי עס דארף זיין איז אז עס דארף זיין דער נעשה קודם לנשמע, אז ער דארף צופאסטען זיינע דיעות צו דער מציאות, און דוקא דעמאלט קאן ער מצליח זיין, און דאס איז געווען דער חסרון פון די מרגלים וואס זיי האבן געוואלט צופאסטען די מציאות צו זייערע דיעות.

און דער "נעשה ונשמע" דארף זיין, אז די ערשטע זאך בשעת ער גייט ארויס אין וועלט דארף ער וויסן זיין אז "בראשית ברא אלקים", דלכאו' איז ניט פארשטאנדיק, פארוואס הויבט אן די תורה מיט "בראשית" ס'האט זיך געדארפט אנהויבן מיט א ענין פון מצוות, ע"ד ווי רש"י פרעגט "לא הי' צריך להתחיל אלא מהחודש הזה לכם", נאר דאס איז ווייל די ערשטע זאך וואס א איד דארף וויסן בשעת ער גייט ארויס אין וועלט איז בראשית ברא אלקים אז די וועלט איז אלקות, פאר דעם וואס ער האט וועגען מ"ת, און מצוות, דער ערשטע זאך איז "בראשית ברא אלקים" - "את השמים" לרבות צבאי' און "את הארץ" לרבות צבאי', און דאס איז בטבע ביי יעדער איד אזוי ווערט ער נולד מיט דער הנחה ווי אלץ איז אלקות, און בשעת ער גייט צו מיט דעם צוגאנג איז יעמאלט קאן ער חוקר ודורש זיין אין ענינו עולם וועט ער דערנאך קאנען ארויסנעמען פון דארטן אלקות.

און דאס לערנט מען אפ פון די מרגלים, אז ניט קוקענדיק אויף דעם וואס מען האט זיי געשיקט אויסזוכן א"י - א ענין פון ארויסגיין אין וועלט, פונדעסטוועגן אויב זיי וואלט ניט צוגעלייגט זייערע אייגענע ענינים וואלטן זיי מצליח געווען אין זייערע שליחות, און דער גאנצער טעם פארוואס זיי האבן דורך געפאלען איז דאס געווען נאר ווייל זיי האבן צוגעלייגט אליין א ענין וואס מען האט זיי בכלל ניט אנגעזאגט.

און דאס איז וואס זיי האבן צוגעלייגט דער מסקנא אז "לא נוכל לעלות", וואס ניט וועגען דעם איז געווען זייער שליחות, ווארום אט דאס וואס זיי זיינען געגאנגען איז עס געווען על יסוד אז דאס איז אן ארץ טובה נאר מען דארף זען בפועל דעם ענין, אבער צי מען וועט גיין אדער ניט דאס האט זיי משה רבינו בכלל ניט אנגעהייסן, און ניט ווייל משה רבינו האט געזשאלעוועט זאגן ווערטער נאר ער האט בפירוש מדייק געווען ניט דערמאנען די נקודה צי "נוכל לעלות" אדער ניט, ווארום וועגן דעם איז בכלל ניט געווען קיין שאלה, ווארום דער איבערשטער האט בפירוש געזאגט "והבאתי וגו'", נאר דא האבן די מרגלים צוגעלייגט זייער אייגענעם ענין און דאס האט זיי פארפירט מיט דעם גאנצן טעות.

און פארוואס האבן זיי געמאכט די מסקנא, איז דאס געווען ווייל זיי האבן ניט צוגעפאסט זייער דיעה צום מציאות, נאר זיי האבן געוואלט צופאסטען די מציאות צו זייער דיעה, און דאס ווערט בשעת מען הויבט אן טראכטען וועגען זיך און ניט וועגען דעם אמת דעמאלט ווערט השוחד יעור און דאס פירט אראפ פון דעם דרך האמת, ווארום גלייך בשעת זיי האבן געזען די "בני ענק" וואס זיי זיינען געווען גרויסע

מענטשען האבן זיי אנגעהויבען מורא האבן טאמער וועט מען זיי הרג'נען, איז בשעת זיי האבן אנגעהויבן טראכטן וועגען זייערע אייגענע מציאות און ניט ווי דער ענין איז לאמיתתו ווערט דער השוחד יעור.

וואס דאס איז בכלל דער ענין פון שוחד, שוחד מיינט ניט אז ער זאגט א שקר, נאר דאס קומט בשעת מען טראכט ניט וועגען דער מציאות ווי זי איז לעצמה נאר ער טראכט וועגען זיך, ער פאסט צו די מציאות לויט זיין שכל, איז בשעת ער טראכט ניט ווי דער ענין איז לאמיתתו פארפירט דאס אים ביז אז ער קומט מיט א מסקנא וואס איז היפך לגמרי פונעם גאנצן ענין, וואס דעריבער איז לעצטענס אנגענומען געווארן די דיעה אז ניט דער מציאות נאך די דיעות נאר די דיעות נאך די מציאות, ווארום מען האט געזען ווי ווייט האט פארפירט די דיעה אז מציאות דארף גיין נאך די דיעות.

און ווי קאן מען באווארענען אז מתן זאל ניט פארפירט ווערן מיטן שוחד, איז דאס בשעת ער טרעט ניט אפ פונעם משלח, בשעת ער טראכט זיך אריין ווער האט אים געשיקט, משה רבינו האט אים געשיקט, וואס משה רבינו מדתו איז מדת האמת, אמת ראה זה משה, איז בשעת ער גייט באופן של "ויתורו" אין וועלט איז בשעת ער פארבינדט זיך מיט משה רבינו און טרעט ניט אפ פון אים און טראכט די גאנצע צייט ניט וועגען זיך נאר ער גייט אין די שליחות פון משה רבינו איז יעמאלט קאן ער ניט ווערן קיין משוחד, משא"כ אבער די מרגלים זיי האבן אנגעהויבן טראכטען וועגען זיך במילא האבן זיי אפגעטראגן זיך פון משה רבנו, איז בשעת מען טרעט אפ משה רבינו גייט מען אראפ פון דעם דרך הישר.

און דא זעט מען אויף ווי ווייט קאן שוחד פארפירן, ניט קוקענדיק אויף דעם אז זיי זיינען געווען "אנשי שם", און זיי זיינען געווען נשיאים, און משה רבינו האט זיי אויסגעקליבען פארן, בשעת אבער אז עס קומט אויסגעפינען א געוויסן ענין און דער צוגאנג צום ענין איז ניט אויסגעפינען ווי דער ענין איז לאמיתתו נאר ווי עס קומט אויס לויט זיין שכל יעמלט ווערט ער א משוחד און דאס פארפירט עם מדרך האמת, וואס דאס איז אפי' בשעת מען האט צו טאן מיט עניני עולם דארף זיין צוגאנג זיין זוכן דעם אמת, און ניט ווי עס קומט אויס לויט זיין שכל, ועאכו"כ בשעת ס'קומט צו הומ"צ דארף זיכער זיין אזוי דער צוגאנג.

און דערביי האט מען נאך א הוראה, אז ס'קען אמאל זיין אז איינער וועט טראכטען ביי זיך וויבאלד ער איז דאך א בעל שכל, און אזוי האט די השגח"פ אויסגעשטעלט אז ער זאל זיין א חוקר, איז מצד דערויף וואס כל ענינו איז שכל, איז טאמער וועט ער אמאל מאכן א טעות וועט דאס זיין נאר א קליינער טעות, ווארום ווי פאסט זאגן אויף א חוקר אז ער זאל דורך פאלען א גרויסן טעות.

איז דא האט מען די הוראה פון שילוח המרגלים, אז "אל תאמין בעצמך", ניט קוקענדיק אויף דעם אז די מרגלים זיינען געווען גאר הויכע מענטשן, והא ראי' משה רבינו האט זיי אויסגעקליבן וכו', פונדעסטוועגען בשעת זיי זיינען געווארן משוחדים מצד דעם וואס זיי האבן אנגעהויבן טראכטן וועגען זייער אייגענער מציאות און ניט דעם אמת דאס האט צוגעבראכט אז ניט נאר זיי האבן געמאכט א קליינעם טעות אז זיי האבן געמאכט א טעות שלא לפי ערך, און ביז אז ניט נאר זיי האבן זיך פארפירט באופן פרטי נאר זיי האבן פארפירט צוזאמען מיט זיך א גאנצן פאלק וואס זיינען געשטאנען ארום זיי.

וואס דעריבער זאגט מען אז הקנאה והתאוה והכבוד מוציאין את האדם מן העולם, וואס קנאה איז כפשוטו מצד דערויף וואס ער איז מקנא א צווייטן במילא פארפירט דאס אים, און תאווה איז מובן בפשטות, און דערנאך כבוד, איז בשעת ער האט געזאגט נעכטען א ענין און היינט האט ער אויסגעפונען אז דאס איז גאר פארקערט, גייט ער און זוכט כמה אופנים ווי פארענטפערן זיך און אלץ צופאסטען ווי ער האט געזאגט נעכטען, ניט קוקענדיק אויף דעם וואס ער אליין זעט אז דאס איז היפך האמת, איז אויף דעם זאגט מען מוציאין את האדם מן העולם, וואס דא זאגט מען ניט נאר אז



הנחה פרטית בלתי מוגה

מוציאין סתם פון ענין האמת, נאר "מן העולם", ווארום בשעת די מענטשן ארום עם וועך לזען ווי ער פירט זיך ניט כפי האמת וועט מען בכלל ניט וועלען האבן צו טאן מיט אים, וואס דאס איז דער פי' "מוציאין מן העולם" כפשוטו אפי' מצד עולם כפשוטו, ווארום אן אמת קאן ניט אנגיין.

און צו זען אויף ווי ווייט דער אויבערשטער האט געמאכט דעם נסיון לייכטער, זעט מען דאס פון די שילוח המרגלים, אז מצד דערויף וואס זיי האבן אנגעהויבן טראכטען וועגען זיך און ניט וועגען דעם אמת האט דאס זיי פארפירט ביז באופן אז זיי האבן גאר געטענה'ט א ענין וואס איז בסתירה צו זיי אליין.

און דאס איז בנוגע דער טענה פון "לא נוכל לעלות", וואס די טענה איז גאר א סתירה צו זייער גאנצער מציאות, און מצד דערויף וואס זיי זיינען געווען משוחדים האבן זיי בכלל ניט מרגיש געווען ווי זיי זיינען סותר זיך אליין.

ווארום וואס איז דער גנאצער ענין פון מרגלים, דער אויפטו פון א מרגל איז צו זען אז אפי' יענער איז שטארקער פון זיי וועט מען זיך קאנען איינקערן אויך מיט זיי, ווארום לולי זאת נאך וואס דארף מען האבן א מרגל, ממ"נ אויב יענער איז שוואכער פון אים דארף מען ניט האבן קיין מרגל ווארום מען וועט אים סיי ווי קאנען איינעמען, און טאמער יענער איז שטארקער פון אים איז וואס וועט העלפען א מרגל, נאר דער אויפטו פון א מרגל איז אז אפי' בשעת יענער וועט זיין שטארקער פון אים וועט מען אים אויך קאנען מנצח זיין, דעריבער איז דער סדר איידער מען גייט איינעמען א לאנד שיקט מען פארויס מרגלים, וואס לכאו' קאן מען גיין גלייך און גלייך מלחמה האלטן מיט זיי, נאר טאמער עס קאן זיין אז זיי זיינען שטארקער פון זיי איז בשעת מען וועט גיין גלייך אן קיין הכנה דערצו וועט מען זיך ניט קאנען איינקערן מיט זיי, נאר דערצו איז די עצה שיקן פאראויס מרגלים און זיי וועלען זען דעם מצב פונעם לאנד, טאמער זיינען זיי שוואכער דארף מען גארניט טאן, און טאמער זיינען זיי שטארקער וועט מען אויסזוכען כמה עצות מיט שכל ווי זיי איינעמען ביז אז די איכות פון שכל וועט זיין שטארקער ווי די כמות פון די מענטשן וואס זיינען קעגען זיי, נאר אמאל קאן זיין אז אפי' מיט דעם קאן מען זיך אויך ניט א עצה געבן.

במילא קומט אויס אז דער ענין פון א מרגלים איז אז אפי' זיי זיינען בני ענק און "חזק הוא ממנו" איז דא איז דער תפקיד פונעם מרגל אן עצה געבען אויך מיט זיי, במילא איז בשעת מען טענה'ט "לא נוכל" וויבאלד "חזק הוא ממנו" איז דאס גאר בסתירה צו זייער אייגענע מציאות, ווארום זייערע מציאות איז צו מנצח זיין אפי' דעם וואס איז א חזק ממנו, נאר דא זעט מען בשעת מען איז א משוחד זאגט מען גאר ענינים וואס זיינען בסתירה להם.

און דא זעט מען נאכמער אויף ווי ווייט קאן שוחד פועל'ן, אז זיי האבן זיך אזוי פארדרייט אז ניט נאר זיי האבן געזאגט א ענין וואס איז סותר, נאר זי האבן גאר איבערגעביטן א ענין וואס איז געווען לטובתם און זיי האבן דאס גאר אויסגעטייטשט אלס א ענין הפכי, וואס איינער פון זייערע טענות איז געוען אז "ושם ראינו את הנפילים בני ענק גו' ונהי בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם" און ווי רש"י טייטשט: "שמענו אומרים זה לזה נמלים יש בכרמים כאנשים", וואס דער ענין איז געווען לטובתם ווארום אויב זיי וואלט זיך ניט אויסגעזען ווי נמלים נאר ווי סתם מענטשען איז בשעת זיי וואלטן ארייגעגאנגען אין א"י אזוי צוועלף מענטשען מיט אמאל וואלט מען זיי גלייך אפגע'פטר'ט, דוקא צוליב דעם וואס זיי האבן אויסגעזען ווי נמלים האבן זיי זיך געקאנט באהלטען אונטער די בוימער און זיי וואלטן ניט געווען אנגעזען, און וואלטן געקענט אויספירען זייער שליחות, במילא קומט אויס אז דער "ונהי בעינינו כחגבים גו'" איז געווען גאר א מעלה, און דא האבן זיי דאס גאר אויסגעטייטש אלץ א חסרון, פארוואס? וויבאלד זיי זיינען געווען משוחדים קאן שוחד פארפירן ביז אז מען קאן גאר זאגן א ענין וואס איז לגמרי דער היפך און ער מיינט אז דאס איז עפ"י שכל באמת.

און דאס איז די נקודה שבדבר, וויבאלד זיי זיינען געווען משוחדים דעריבער האט דאס זיי פארפירט אראפ פון וועג ביז זיי האבן זיך גאר סותר געווען, און געזאגט א ענין וואס איז לגמרי היפך מן השכל.

וואס הגם עס קאן דאך קומען איינער און טענה'ן מה רעש אז ער וועט ווערן א משוחד וואס איז דאס נוגע א צווייטן, איז דא האט מען די הוראה פון די מרגלים אז דורך דעם וואס זיי זיינען געווארן משוחדים האט דאס ניט נאר זיי פארפירט פונעם דרך האמת, נאר זיי האבן דערביי פארפירט א גאנצן דור, אז א גאנצער דור זאל בלייבן אין מדבר.

און דאס איז די כללות'דיקע הוראה וואס מען קריגט ארויס פון די מעשה המרגלים, אז מען מאנט פון א אידן אז עס זאל טאקע זיין דער ויתורו את ארץ כנען, ער זאל צו גיין צום ענין לויט זיין הבנה והשגה, אבער דערביי זאגט מען אז עס דארף זיין באופן של נעשה קודם לנשמע, אז ער מוז פארבינדן די השגה מיטן אמת, וואס דאס איז צום משלח צו משה רבינו, און בשעת מען בינט זיך צו צו משה רבינו, איז אדרבה יעמאלט קומט מען צו צום אמת אפי' אין עניני עולם, און עס ווערט דער עלה נעלה צום ארץ טובה, און ביז וירשנו אותה, וואס דער דיוק פון ירושה איז אז ירושה אין לה הפסק וואס דאס איז דער ענין האמת, וכן תהי' לנו אין די עבודה פון איבער מאכן וועלט צו אלקות און ביז דאס וועט צובריינגען צו ביאת משיח צדקנו והוא יוליכנו קוממיות לארצנו.

[בתוך השיחה נאמר: וואס עס איז דא ווי קבלה איז מבאר דעם ענין פון שלוח המרגלים אז די מרגלים זיינען געווען פון עולם המחשבה און דאס וואס זיי האבן ניט געוואלט אריינגיין אין א"י, איז געווען ווארום זיי האבן ניט געוואלט...].

ג. כמדובר לעיל בנוגע צום ענין פון שלוח המרגלים, אז די נקודה פון מרגלים איז אז איכות קאן איבערשטארקן כמות,

וואס לפי זה קומט עד"ז ארויס בנוגע לעבודתו בעולם, אז אפי' בשעת א איד גייט ארויס אין וועלט און זעט דארטן א ריבוי נבראים, און ער זעט ניט נאר א ריבוי אין כמות, נאר ער זעט אויך א ריבוי באיכות, וואס דא זעט ער טאג און דא זעט ער נאכט, דא זעט ער ווייס און דא איז שווארץ, א דבר קשה און א דבר רך, וואס דאס איז דאך א מורא'ידקע ריבוי, קאן זיין א קס"ד אז דאס איז גאר א סתירה צו אחדות, און ביז ווי עס איז דא דער טענה אז מי שברא אור יברא חושך, און דעריבער איז דא דער מסקנא אז פלגא לעילא און פלגא לתתא, במילא איז בשעת מען וועט צוגיין צו וועלט וועט מען זען גאר דארטן א סתירה צו אחדות ה'.

אויף דעם קומט די הוראה פון די מרגלים אז מצד איכות השכל דארף עס איבערוועגען דעם ריבוי הכמות, און זען דארטן דעם אמת, במילא איז בשעת מען גייט צו וועלט און מען זעט דארטן א ריבוי דארף עס ניט זיין קיין סתירה צו אחדות, און דאס וואס עס דוכט זיך אז עס איז א סתירה דאס איז נאר ווייל ער קוקט באופן שיטחי איז לגבי עם איז עס א סתירה, אבער בשעת מען וועט קוקען אויף וועלט אויף א טיפערער אופן איז יעמאלט אדרבה ער וועט זען אין וועלט ווי דאס איז מעשיך פון דעם אויבערשטען, און דאס וואס עס איז דא א ריבוי אין נבראים איז דער ריבוי נעמט זיך אלץ פון "ה' אחד".

און דאס גיט ארויס דעם פסוק אין דעם ענין פון "מה רבו מעשיך ה'", אז בשעת א איד גייט ארויס אין וועלט און זעט דארטן "רבו מעשיך", עס איז דא א ריבוי אין די נבראים, דארף ער וויסן זיין אז דאס נעמט זיך פון הוי', וואס דא זאגט ער ניט אלקים אדער א אנדערע שם, נאר ער זאגט הוי', וואס הוי' איז דאך הי' הוה ויהי' כאחד, העכער פון זמן ומקום, די דרגא פון אחדות הפשוטה, און דא זאגט מען אז פון וואנעט נעמט זיך "רבו מעשיך" דאס איז פון אחדות הפשוטה, ואדרבה אין דעם ריבוי הנבראים גופא זעט ער דארטן דער אחדות הפשוטה, ווארום דוקא פון אחדות הפשוטה קאן ווערן אזא ריבוי בנבראים, וואס דעריבער וואו זעט זיך אן דער אמת'ע ריבוי



הנחה פרטית בלתי מוגה

איז דאס דוקא אין "תיקון" וויבאלד זי נעמט זיך פון אחדות הפשוטה משא"כ "תוהו", וואס די הסברה בזה איז ווארום וויבאלד אחדות הפשוטה שטייט העכער פון אלע הגבלות זי איז בלי גבול דעריבער וויבאלד זי איז ניט מוגבל קאן ווערן פון דארטן דער תכלית הריבוי, און ווי דער מיטעלער רבי ברייינגעט אין תורת חיים אז דוקא פון אחדות הפשוטה קאן ווערן ריבוי.

אבער ווי קאן דאס א איד טאקע אנזען בגלוי אז דער ריבוי פון וועלט איז גאר פון אלקות, אויף דעם זאגט מען אז עס דארף זיין דער צוגאנג מצד אמת, וואס דעריבער פאר דעם "רבו" זאגט מען "**מה** רבו", אז דוקא בשעת ער וועט שטיין אין א תנועהה פון "מה", באופן של **ביטול**, איז מצד דערויף וועט ער שטיין בדרגא של השתוממות, איז בשעת א איד שטייט בבטול דעמאלט גייט ער זוכן דעם אמת, און בשעת ער גייט צו מיטן תנועה של אמת, איז יעמאלט בשעת ער וועט זען דעם ריבוי אין נבראים, איז ניט נאר דאס איז א סתירה צו אחדות ה', נאר אדרבה ער זעט אין דעם אז דאס איז ניט סתם מעשיך, נאר דאס איז מעשיך ה', אז דאס נעמט זיך דוקא פון דער אחדות הפשוטה, און דאס זעט ער אין דער וועלט גופא.

וואס דאס איז ע"ד ווי דער רמב"ם איז מבאר בנוגע צו כל ישראל יש להם חלק לעוה"ב, פארוואס איז דאס אזוי, וויבאלד יעדער נשמה איז א חלק פון דער אויבערשטען, איז פונקט ווי דער אויבערשטער איז נצחי, עד"ז זיינען די נשמות באופן של נצחיות, עד"ז איז בנוגע צו וועלט, וויבאלד זי נעמט זיך פון אחדות הפשוטה דעריבער איז אפי' אין די ריבוי הנבראים פון וועלט זעט מען דארטן דער אחדות הפשוטה.

וואס דאס איז פארבונדן מיט דעם וואס עה"פ (נח ז, יא) "בשנת שש מאות שנה לחיי נח וגו' נבקעו כל מעיינות תהום רבה וארובות השמים נפתחו", שטייט אין זוהר (ח"א קיז, א): "ובשית לתתא כו'". ביז אז "אפילו רביי דעלמא זמינין לאשכחא טמירין דחכמתא כו'" (זהר שם קיח, א).

וואס "חכמתא **לעילא**" מיינט חכמת התורה, און "חכמתא **דלתתא**" - חכמות העולם (ראה לקו"ש חט"ו ע' 42 וש"נ).

וואס דעריבער זעט מען אז אין דעם זמן הנ"ל האט זיך אנגעהויבען א נייע שאיפה אין חכמת אוה"ע, לגבי ווי עס איז געווען פאר דעם, און דאס איז בנוגע צום ענין האחדות, וואס פאר דעם איז געווען די גאנצע שאיפה אז מען האט געמאכט א מחיצה און א הגבלה אויף פאנאנדערטיילן יעדער זאך אז יעדער זאך איז א מציאות לעצמו און עס האט ניט קיין שייכות מיט א צווייטע, ד.ה. אז די שאיפה איז געווען וואס מער פירוד וואס מער פאנאנדערטיילן איין מציאות פון דער צווייטע.

הגם דעמאלט איז שוין געווען דער רמב"ם, וואס ער האט געשריבען ביד החזקה אז אע"פ אז דער אויבערשטער האט באשאפען פיר באזונדערע יסודות, פונדעסטוועגען קאן אבער ווערן פון אש רוח און פון רוח מים וכו', און ווי ער איז דאס מבאר דארטן בקצור וואס בכלל דארטן איז דער לשון בקיצור, איז הגם דאס איז שוין געווען דעמלאט, פונדעסטוועגען האט מען דאס ניט אנגענומען, ווארום עס איז געווען דער "החושך יכסה ארץ" במילא האט מען ניט געזען דעם אמת, און די שיטה איז געווען בעיקר אויף וואס מער ריבוי און וואס מער פרוד, און דאס וואס דער רמב"ם שרייבט בנוגע צו "מה רבו מעשיך", האבן זיי גע'טענה'ט אז דאס איז א ענין וואס איז פארבונדן מיט אמונה, און עס איז ניט אויסגעהאלטן עפ"י שכל, אדער עס זיינען געווען אזעלכע וואס האבן מכחיש געווען אין דעם ענין, וואס דאס איז געווען דער שיטה ביז דעם זמן הנ"ל.

דערנאך אבער לאחר די שש מאות שנה, וואס דעמאלט האט זיך אנגעהויבן נתגלה ווערן א ריבוי חכמה אין וועלט, איז ארויס געקומען אויך בנוגע לחכמת אוה"ע אז זיי האבן אנגעהויבן צו זען דעם אמת, וואס דעריבער איז דעמלאט ארויסגעקומען די שיטה אז די גאנצע שאיפה איז אויף וואס מער אחדות און וואס מער זאגן אז די אלע

ענינים האבן צווישן זיך א שייכות, און ביז אז ניט נאר אז עס איז דא 90 כללים נאר אפי' 80 כללים און ביז זאגן אז די גאנצע וועלט איז נאר 2 נקודות און ביז אז אלץ איז 1 נקודה, ווארום אין יעדער זאך איז דא איר נקודה משותפת וואס דאס געפינט זיך אין יעדער נברא, וואס אין אנדערע ווערטער איז דאס, אז אפי' חכמ' אוה"ע זיינען צוגעקומען צו דער הכרה ווי מען קאן זען אין וועלט דער אחדות ווארום דער ריבוי וואס עס איז דא אין וועלט נעמט זיך דאס פון דער אויבערשטער וואס ער איז די אחדות הפשוטה.

און וויבאלד דאס זעט מען ביי גוים דארף אזוי זיכער זיין דער צוגאנג ביי א אידן, און דער צוגאנג דארף זיין, אז ניט וויבאלד מען זעט ביי גוים אז דאס איז אנגענומען געווארן דעריבער נעמט ער אן אויך אזוי, נאר פארקערט א איד דארף זען דער אחדות הפשוטה אין וועלט מצד עצמו, ווארום אידן זיינען דאך "גוי אחד בארץ", און ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ אז זיי זיינען ממשיך דער "ה' אחד" אויך אין ענינים ארציים, במילא דארף א איד מצ"ע קוקן אין וועלט (און דאס נעמט א איד ארויס פון תורה) און דערנאך זאגט מען אז די תורה ווערט דערנאך באופן של "אור גוים נתתיך" אז אויך גוים זען דאס.

וואו זעט מען דאס אין תורה, האט מען דאס געזען גלייך ביי מ"ת, וואס דער אויבערשטער האט דאך געזאגט די עשה"ד באופן אז די אלע ד' רוחות העולם זיינען דורך גענומען געווארן מיט די עשה"ד, און דאס איז געווארן באופן אז ניט נאר ווי אלקות קוקט אויף וועלט, נאר אלקיך, אז וועלט אליין האט אין זיך אלקות, אז וואו נאר א איד האט זיך געדרייט האט ער געזען אז חוץ פון אלקות איז ניטא קיין אנדערע מציאות, ביז אז "רואים את הנשמע" אז מען האט דאס געזען בגלוי אין וועלט באופן של ראי'.

במילא איז גלייך פון מ"ת אן איז שוין געווען דער ענין וואס די וועלט איז דורך גענומען געווארן מיט אלקות, נאר יעמאלט איז עס געווען לפי שעה, אדער בלשון החסידות אז דאס איז געווען באופן של מלמעלה למטה, אבער די כוונה איז דאך אז עס זאל דערנאך זיין דא למטה בגלוי דורך די עבודה פון א אידן, ווארום עס דארף זיין דער "תתחתונים יעלו לעליונים", איז דעריבער נאך מ"ת איז געווארן די גרויסע פינסטערניש און די וועלט איז געווארן באופן של "נעשה" לשון רבים אז אין וועלט זעט זיך ניט אן די אחדות הפשוטה נאר אדרבה "נעשה" לשון רבים, א ענין פון ריבוי היפך האחדות.

און אזוי איז אנגעגאנגען במשך די אלע יארן, דעריבער איז געווען די שיטה פון דעם ריבוי אין וועלט, וויבאלד די וועלט איז באופן של פרוד, דערנאך אבער בשעת עס איז געקומען נענטער צו ביאת המשיח, און ביז צום זמן פון אחר חצות, האט זיך דעמאלט אנגעהויבן נתגלה ווערן אין דער וועלט דער אמת אז דאס איז פון אן אחדות פשוטה, און דאס זעט זיך אן אין וועלט, וואס מעין זה איז געווען ביי פרעה וואס נבא ולא ידע מה ניבא(...?) און דאס אלץ איז א הכנה ווי עס וועט זיין לע"ל וואס יעמאלט וועט מען אנזען די אחדות הפשוטה אין וועלט באופן תדירי, ובקביעות,

און דאס איז די הוראה וואס מען נעמט ארויס פון דעם, אז מען מאנט אזוי פון יעדער איד, ועאכו"כ אט די וואס גייען אויפבויען א נייע וועלט, אז זיי דארפן זען סיי ביי זיך אליין צוגיין מיט דער הנחה, ועד"ז פועל'ן אין דעם ארום פון זיך, אז די הנחה דארף זיין בשעת מען גייט ארויס אין וועלט, אז ניט דער ריבוי פון וועלט איז א סתירה צום אחדות הפשוטה נאר אדרבה אין דעם ריבוי קאן מען זען אלקות.

ואפי' אט די וואס האלטען נאך ניט ביי דער דרגא פון זען אין וועלט אלקות בגלוי, זאגט מען אבער אז וויבאלד ער ווייסט דאך אז סוף כל סוף וועט ער צוקומען צו דער ריכטיגער מסקנא ווארום לא ידח ממנו נדח, במילא איז גלייך איצטער הויבט ער זיך שוין אן פירען באופן כך.



הנחה פרטית בלתי מוגה

לפי זה וועט מען פארשטיין א דבר תמוה וואס מען געפינט בנוגע צו מרגלים, און דאס איז וואס ווי מ'ווייסט בפשטות פון חומש אז די מרגלים זיינען דער גאנצער צייט געגאנגען צוזאמען, [חוץ פון א קורצן זמן ווען כלב איז געגאנגען צו חברון להשתטח על קברי אבות (פרש"י שלח יג, כב)] און ווי מען זעט אויך פון דעם אופן ווי זיי האבן געטראגן די פירות, אז זיי זיינען געגאנגען צוזאמען ווי רש"י זאגט: "שמונה נטלו אשכול אחד נטל תאנה ואחד רמון יהושע וכלב לא נטלו כלום לפי שכל עצמם להוציא דבה נתכוונו כו'".

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק נאך וואס זיינען זיי געגאנגען צוזאמען, זייער תכלית איז דאך געווען צו גיין באופן אז זיי זאלן ניט זיין ניכר, און דא בשעת זיי גייען אלע צוזאמען מאכט דאס אז זיי זאלן זיין ניכר.

ובפרט ווי רש"י (יג, כה) מאכט דעם גאנצן חשבון אז לעולם וואלט זייער באזוך האט געדארפט געדויערן א סאך מערער פון מ' יום, ווארום בכדי גיין נאר אויף איין זייט פון א"י, געדוירט עס מ' יום, און דא זיינען זיי געגאנגען אויף די אלע פיר זייטן וואלט דאס געדוירט פיר מאל אזוי פיל, און ווי האבן זיי דאס געמאכט אלץ במ' יום, זאגט אויף דעם רש"י אז דער אויבערשטער האט געמאכט פאר זיי א נס, אז דאס האט אלץ צוזאמען גענומען נאר מ' יום.

וואס לכאו' איז ניט פארשטאנדיק נאך וואס האבן זיי געדארפט גיין צוזאמען, זיי האבן געקאנט גיין באזונדער און יעדער איינער וועט גיין באזונדער צו אן אנדער ארט, און יעמאלט וואלט מען פארשפארט מאכן א נס עפ"י טבע וואלט מען דאס געקאנט באווייזן אויף מ' יום, ובפרט אז דא זיינען געפארן די נשיאים פון די צוועלף שבטים וואלט יעדער נשיא געקאנט גיין באזוכן זיין חלק וואס וועט קומען צו אים, ראובן וועט באזוכן זיין חלק און שמעון זיין ארט וכו', איז פארוואס האבן זיי געדארפט גיין די גאנצע צייט צוזאמען.

נאר ווי גערעדט פריער איז פארשטאנדיק, וויבאלד דער גאנצער ענין פון שלוח המרגלים איז געווען באופן של הקדמת נעשה ונשמע, און דאס האט משה רבינו געוואלט ממשיך זיין אין זיי, אריינברייגגען אין זיי דעם ענין האחדות, דעריבער האט ער געדארפט אויסשטעלען דער גאנצע שליחות אז דאס זאל זיין באופן כך אלע צוזאמען, וואס דעריבער איז אפי' בשעת זיי זיינען צוריק געקומען זיינען זיי צוריק געקומען באופן של אחדות, און דעריבער האט כלב געהאט דעם כח צו פועל'ן דעם "ויהס".

און מיט דעם איז אויך פארשטאנדיק פארוואס געפינט מען דוקא בנוגע צו די שלוח המרגלים האט זיך משה רבינו אליין משתתף געווען אין זייער שלוח, משא"כ אין די אנדערע ענינים ע"ד ווי דער מנין ישראל, דאס האבן די נשיאים געטאן, ווארום וויבאלד משה רבינו האט געוואלט ממשיך זיין אין זיי דעם ענין האחדות דעריבער האט דאס געדארפט זיין דורך משה דוקא וואס ער איז משה אחד.

(חסר ההמשך) וואס דאס איז וואס עס ווערט מבואר בנוגע צו די מרגלים אז דער דור המרגלים אין להם חלק לעוה"ב וואס מען איז דאס מבאר וויבאלד עוה"ב איז צו נידעריק פאר זיי ווארום זיי שטיין העכער פון דעם, וואס דעריבער זאגט מען אויף זיי אז זיי זיינען א דור דעה.

... און ע"י האחדות וועט מען צוקומען צום ולעבדו כולם שכם א' דער ענין האחדות וואס וועט זיין בביאת משיח צדקנו בשמחה ובטוב לבב.

(הנחה אחרת משיחה ב' וג':)

ב. כמדובר לעיל אז עס דארף זיין דער ענין פון הקדמת נעשה לנשמע (קבלת עול ביחד מיט בכל דרכיך דעהו (ע"ד דע את אלקי אביך וגו' (כנ"ל)) וואס דערפון איז

פארשטאנדיק אז אזוי איז אויך דער סדר אין ענין החקירה אז עס איז אין אן אופן פון הקדמת נעשה לנשמע און אין אן אופן פון הבנה והשגה.

דאס הייסט אז פונקט אזוי ווי ביי א מצוה, אע"פ אז עס איז פאראן דער כללות הכוונה פון דער מצוה (קבלת עול) איז פונדעסטוועגען דארף אויך זיין הבנה והשגה בהמצוה אויף וויפיל ער קען פארשטיין.

אזוי ווי דאס איז אין קדושה אזוי איז דאס אויך בעניני הרשות אז עס דארף זיין אויך דער ענין השגה וההשכלה אין דעם שכל אין וואס ער איז זיך עוסק.

וואס אע"פ אז ער שרייבט אז עס איז ניט מותר ביז ווי דער אלטער רבי שרייבט אין תניא (פ"ח) אז מען דארף האבן אין דעם זהירות'ן און עס קען נאך זיין דער היפך אויב ער נוצט דאס ניט אויס לקרדום לחתוך בה וכו'.

איז אבער בשעת דאס איז אין אופן אמיתי איז דאס מתאים.

עס דארף נאר זיין כפתגם הידוע הדעות הולך אחר המציאות ואין המציאות הולך אחר הדעות, עס איז פאראן אן אופן אז ער איז מקשר דער מציאות לפי שכלו, דאס הייסט אז ער שטעלט אויס דער מציאות לפי זיין שכל, וואס דאס טויג ניט, עס איז אבער א דבר ברור אז הדעות איז הולך אחר המציאות.

און אויב דאס איז ע"פ דרך אמיתי איז דאס מתאים, ואע"פ אז ער האט מורא אז עס קען זיין א סתירה צו תורת אמת ח"ו, אויף דערויף זאגט מען עס אז וויבאלד אז תורה איז תורת אמת שרעקט זיך דאס ניט פאר דעם אמת.

וואס אט דאס האט ער די הוראה אז נאך פאר ער לערנט (און לייענט) דעם ענין פון מתן תורה איז שוין פאראן וואס מען הויבט אן מיט "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ" (בראשית א, א) וואס אויף דערויף פרעגט רש"י (די ערשטע רש"י) פארוואס הויבט ער אן (ניט מיט אן ענין פון תורה ומצוות וכו')?..

און ער זאגט און איז כולל בזה את השמים לרבות צבאי' ואת הארץ לרבות צבאי' און מען דארף אויף דעם קיין ראי' ניט האבן, דאס איז מוכח באופן גלוי אז אזוי איז דער מציאות.

ביי די מרגלים איז געווען ענינם "לתור את הארץ" און דער ביי האט מען געדארפט זיין אפגעהיט אז ער זאל ניט זיין משוחד (פארקרימט) מצד זיין שכל.

אויף דעם קען ער דאך פרעגן: ווי אזוי וועט ער וויסן וואס איז א אמת'ע זאך, דער ענין פון שוחד איז דאך אז דאס איז יעור וגו', אויב עס איז דא שקר ווייס ער דאך דערפון אבער ווי אזוי זאל ער וויסן אז דאס איז ניט אמת, ער מיינט דאך אז דאס איז אמת?

אויף דערויף ענטפערט מען אים, אז אויב משה רבינו האט אזוי געזאגט ווייס ער אז דער אמת איז לויט ווי ער האט געהערט פון משה רבינו.

ביי די מרגלים איז דער סדר געווען פונקט פארקערט ווי משה רבינו האט זיי אנגעזאגט, משה רבינו האט זיי געזאגט אז זיי זאלן קוקן צו החזק הוא וגו' הרפה וגו' הבמחנים וגו' און זיי זיינען געקומען און האבן געזאגט "לא נוכל לעלות" (במדבר יג, לא).

ניט דאס האט מען ביי זיי געפרעגט, מען האט זיי געפרעגט פארשידענע פרטים צו זען וכו' מען האט זיי אבער ניט געפרעגט צי מען קען ארויף גיין צו ניט, דאס האבן זיי געזאגט מעצמם, דער ענין פון "לא נוכל לעלות" האט ניט געדארפט אנרירן זיי בכלל.



הנחה פרטית בלתי מוגה

עס איז ניט דער פשט אז משה רבינו האט געזשאלעוועט ווערטער (דערמיט וואס ער האט זיי ניט געפרעגט און אנגעזאגט צו זען אויב נוכל לעלות צי ניט) נאר אלץ (סיי דאס וואס ער האט יא געזאגט און סיי דאס וואס ער האט ניט געזאגט) איז געווען בדיוק זייער ענין איז ניט געווען צו דערציילן אויב נוכל לעלות צו ניט, דאס איז צוגעקומען פון זיי אליין.

פארוואס איז דאס טאקע אזוי געווען?

נאר די סיבה בזה איז געווען ווייל זיי האבן מורא געהאט פון דער מלחמה וואס וועט זיין (בשעת מען וועט דארפן איינעמען ארץ ישראל) אז זיי וועלן ווערן פארוואונדעט אדער געהארגעט ווערן כו', איז וויבאלד אז עס האט אנגערירט **זייער** מציאות במילא איז דאס געווען זיי נוגע.

דאס הייסט, אז בשעת עס קען אנרירן **זיין** קיום, עס קען אנרירן **זיין** כבוד עס קען אנרירן **זיין** פרנסה איז ער דעמאלט משוחד (מצד עצמו).

און דאס טרעפט אפילו ביי אזעלכע וואס זיינען נשיאים און אנשי שם כו' אז דערפאר קען ער ארייגפאלן אין אזא מצב, וויבאלד ער איז משוחד מצד שכלו **שלו**.

און דעמאלט קען ער אויך זאגן א זאך און אין דעם דיבור גופא זאל ער זיך סותר זיין.

און דאס (כבודו) קען עס אנרירן ביז דאס קען מאכן המציאות שלו אין א גראבן אופן.

און אט דאס איז די הוראה בנוספת פון די מרגלים: ער קען דאך טראכטן אז ביי עם איז דאס נאר בדקות דדקות אבער (אין אן אופן) אז ער זאל ווערן פארגרעבט, איז ער צו דערצו ניט שייך.

אויף דערויף האט ער די הוראה פון סיפור המרגלים אז זיי האבן דערגרייכט ביז צו אזא מצב.

און דאס זעט מען פון דעם סיפור המרגלים: ובהקדם אז עס זיינען פאראן צוויי אופנים ווי אזוי מען נעמט איין א שטאט. א) עס איז פאראן אן אופן וואס מען נעמט איין די שטאט בשעת דאס איז אפען וואס דעמאלט גייט מען גלייך ארייך און מען נעמט איר איין. ב) דערנאך איז פאראן א צווייטער אופן אז די שטאט איז פארמאכט און דעמאלט דארף מען ארום גיין.

וואס אזוי אויך ביי מרגלים איז געווען צוויי אופנים. א) אויב דאס איז אפען וואס דעמאלט גייט מען גלייך ארייך. ב) אויב דאס איז במבצרים (באפעסטעט) וואס דעמאלט דארף מען ארומגיין צו געפינען די אלע פרטים (בכדי צו וויסן אלע ענינים) ווי אזוי צו כובש זיין איר מיט תכסיסי מלחמה.

ולכאו' פארוואס דארף מען ארומגיין (בדרך עיגול) מען קען דאך גלייך ארייגגיין מיט תכסיסי מלחמה?

אויב מען זאל ארייגגיין גלייך מיט תכסיסי מלחמה קען טרעפן אז מען וועט ניט מצליח זיין אין דער מלחמה ווייל עס קען זיין אז יענער איז שטארקער, מער צוגעגרייט כו'.

וואס דערפאר גייט מען פריער, אויסצוגעפינען די אלע פרטים פון דער שטאט.

דאס איז געווען ענין המרגלים אז זיי זיינען געגאנגען אויסצוגעפינען די פרטים וועגן די שטאט ווי זיי זיינען אויסגעשטעלט בכדי צו וויסן ווי אזוי



הנחה פרטית בלתי מוגה

איינצונעמען אבער צו מען קען פירן מיט זיי מלחמה צו ניט איז **ניט** געווען זייער שליחות.

וואס אט דער טעות זייערער געפינט מען ביי זייער לעצטע (און שפעטסטע) טענה אז "ונהי בעינינו כחגבים" (במדבר יג, לג) וכן היינו בעיניהם אז זיי האבן געטענ'ט אז זיי זיינען כחגבים בעיני הענקים.

וואס בכללות זעט מען ביי די מרגלים אז זיי זיינען געווען **שייך צו** שכל והא ראי' אז זיי האבן איבערגעגעבן אלע פרטים כו', אבער אעפ"כ דאס וואס זיי האבן געזאגט "לא נוכל לעלות" דאס איז **ניט** געווען זייער ענין.

ווייל וויבאלד אז זיי זיינען געווען בעלי שכל האט געדארפט די איכות זייערער (שכל שלהם) מכריע זיין די כמות (גבורה כו') פון אנשי המדה, אויף ניט נתפעל ווערן פון זיי, פונדעסטוועגען זיינען זיי נתפעל געווארן און האבן מורא געהאט אז זיי זיינען נאר כחגבים כו'.

דאס גופא וואס זיי זיינען כחגבים וכו' איז דאס גאר געווען **לסובתם** וואס דערפאר האבן בני ענק געטראכט אז זיי זיינען נאר תלויים באללן און זיי זיינען **ניט** תופס מקום ביי זיי לגמרי, און במילא וועלן זיי סיי ווי זיך ניט טשעפען מיט זיי.

אויב אבער זיי וואלטן געווען אנשי מדה לגבי די שבעה עממין וואלטן זיי דאך תופס מקום געווען לגבי זי און מען וואלט זיי דארטן אוועק געפטר'ט און זיי וואלטן ניט געקענט קומען אין ארץ ישראל.

דערפון זעט מען אז (תמורת זה וואס דער שכל זייערער האט געדארפט מכריע זיין די כמות פון די אנשי המדה איז) דא איז געווען פונקט דער היפך אז זיי האבן זיך איינגאנצן פארלארן (געווארן) פאר די כמות פון אנשי המדה.

בשעת אז א מענטש געפינט זיך אין אזא מצב (כהמרגלים) קען ער זאגן עפעס און דערנאך אין זעלבן דיבור זיך אליין סותר זיין, ווייל בשעת עס איז נוגע **זיין** מציאות קען ער ניט ארויס גיין פון עלמא דשיקרא.

דאס איז אויך פארבונדען מיט "קנאה תאוה וכבוד שמוציא את האדם מן העולם". קנאה איז דאס וואס יענער האט און ער איז מקנא יענעם כו'... וואס דאס אלץ נעמט עם ארויס פון עולם הזה הגשמי והחומרי, וואס אזוי איז דאס אויך ביי איינעם וואס ער האט סמיכות אויף רבנות, אדם כשר, כשרים היו באותה שעה (רש"י במדבר יג, ג) פונדעסטוועגען איז דאס ניט נוגע און עס רירט אן די **גאנצע וועלט**.

אויף דערויף זאגט מען עס אז וויבאלד אז ער האט דאס אין זיינע ד' אמות און ער איז א נברא וואס קען מכריע זיין עצמו ואת כל העולם כולו לכף זכות אדער להיפך. במילא איז נוגע זיין הנהגה צו דער **גאנצער וועלט**.

ע"ד ווי דאס איז געווען ביי די מרגלים אז בשעת זיי זיינען צוריקגעקומען האט מען צוטומעלט א גאנצע עדה, און א גאנצע עדה איז געבליבן אין מדבר.

לאידך גיסא, דארף מען אבער וויסן אז עס איז א זיכערע זאך אז לחמנו הם, סר צלם מעליהם און עס איז א זיכערע זאך אז טוב הארץ מאד מאד און עס איז א זיכערע זאך אז עלה נעלה וירשנו אותה וגו' און עס איז א זיכערע זאך אז ירושה אין לו הפסק לעולם... און יעדערער טוט בעבודתו אין לימוד התורה וקיום המצוות כו'.

**ג.** בהמשך להמדובר לעיל בהנוגע לענין החקירה איז פאראן נאך אן ענין בזה:



הנחה פרטית בלתי מוגה

די התבוננות אין "מה גדלו ומה רבו מעשיך הוי'", דער תוכן הענין בזה איז, אז אע"פ אז עס איז פאראן א מציאות פון גוון לבן און אויך (היפוכו) - שחור, יום און (היפוכו) לילה, רך און (היפוכו) קשה, במילא קען מען דאך טראכטן אז דער וואס האט באשאפן לילה האט ניט באשאפן יום וויבאלד אז זיינען חלוקים במהותם וכו', איז אבער דער אמיתית הענין בזה אז "מה גדלו ומה רבו מעשיך - **הוי'**", דאס הייסט אז מה רבו מעשיך איז (און נעמט זיך פון) שם הוי' וואס איז הי' הוה ויהי' כאחד (אחדות הפשוטה).

אע"פ אז לכאו' זיינען דאך פאראן נבראים רבים כו' איז ווי אזוי קענען נבראים (ובאופן של ריבוי) נעמען זיך פון **אחדות** הפשוטה?

נאר א איד שטעלט אויס אלע זיינע ענינים, אז (זיי אלע זיינען באופן און) עס איז אין זיי ניכר אז מה גדלו ומה רבו מעשיך איז דאס פון הוי'.

קאן ער דאך טראכטן אז וויבאלד אז ע"פ **אמיתית** המציאות זיינען פאראן **כמה** ענינים איז ווי אזוי קען אין דעם זיין (און עס איז פאראן) נאר אחדות הפשוטה (היפך ענין הריבוי)?

דאס איז א השקפה פון א איש פשוט, אבער א בעל שכל זעט אז עס איז **ניט** צוויי רשויות (נעשה אדם, ל' רבים און ריבוי הנבראים) נאר **איין** רשות (איין ענין)?

ווי אזוי דערגרייכט ער צו אט דער הכרה? דאס איז דורך דעם ענין המ"ה ("**מה** רבו מעשיך וגו') און מ"ה איז ענינו ביטול המציאות (וואס דאס איז ענין ההשתוממות) און ער זוכט דעם אמת.

איז אע"פ אז ער שטילט אין א ביטול (בתנועה של העדר מציאותו), פונדעסטוועגען וויל ער וויסן דעם אמת, און זוכט דעם אמת.

עס ווערט געבראכט אין זהר, וירא (זכ"א קי"ז, א) אויף פסוק בשש מאות שנה נבקעו כל מעינות וגו' וארובות השמים נפתחו (בראשית ז, יא) אז עס וועט דעמאלט נמשך ווערן מעינות החכמה כ"כ בריבוי ביז אז אפילו גדי' (קליינע קינדער) וועלן נטבע ווערן בלימוד החכמה, ד.ה. אז עס וועט נתפשט ווערן בכל מקום וכו' ביז אז עס וועט דערגרייכן אויך צו די גוים (פון די מעינות החכמה).

בזמנים הראשונים איז דער ענין האחדות (כנ"ל, שניכר בגלוי ע"י מעינות החכמה) ניט געווען ניכר באופן גלוי, משא"כ אין דעם זמן וואס ער רעכנט אויס אין זהר וועט דאס נתגלה ווער באופן גלוי.

דער ענין האחדות איז אבער פאראן אין וועלט מזמן בריאת העולם און ווי דער רמב"ם שרייבט לגבי די ד' יסודות (הל' יסוה"ת ה"ב), אז אין די ד' יסודות (אש רוח, מים, עפר) קען מען מאכן פון יסוד הרוח אש, און אזוי דער היפך, פון יסוד הרוח קען מען מאכן מים און אזוי דער היפך, פון יסוד המים קען מען מאכן עפר, און אזוי דער היפך, די סיבה בזה איז, וויבאלד אז אלע יסודות זיינען כלול זה מזה און ווי דער רמב"ם שרייבט דארטן בקיצור (וואס בכלל איז לשונו בקיצור).

דערנאך איז בדורות שלאח"כ ביז עס איז געווארן החושך יכסה ארץ איז (אין חכמת החקירה) די גאנצע שאיפה צו מאכן פון א מספר פון הונדערט ניינציק, און פון ניינציק צוויי און איינס וואס דאס באווייזט אז זייער גאנצע שאיפה איז צו מאכן און אנטפלעקן **אחדות** צווישן אלע ענינים נפרדים.

[דאס איז ניט אויף אזויפיל א פלא, ווארום ס'איז ידוע אז דאס וואס עס איז פאראן ריבוי איז דאס דערפאר (ואדרבה) מצד ענין פון אחדות הפשוטה, ווי עס ווערט געבראכט אין חסידות אז דאס וואס עס איז פאראן א ריבוי מופלג איז דאס ניט דער

ענין פון עולם התוהו וואס ענינו איז ריבוי וכו' נאר דאס באווייזט אויף ענין האחדות וואס מצד אחדות הפשוטה ווערט נמשך דער גאנצער ענין הריבוי כו'].

אזוי איז אויך געווען בשעת מתן תורה (גילוי ענין האחדות) אז דעמאלט איז געזאגט געווארן "אנכי הוי' אלקיך" (שמות כ, ב) ווייל דאס איז געזאגט געווארן לכל אחד וא' און ווי ער געפינט זיך למטה און אלע ד' רוחות, דרום מזרח מערב צפון זיינען דעמאלט געשטאנען בתנועה של ביטול ביז אז דער ענין האחדות האט דערגרייכט צו די גוים. און דאס איז וואס דער רמב"ם שרייבט (הל' מלכים) אז לע"ל וועט זיין ביי די גוים בגלוי - ענין האחדות.

עאכו"כ ווי דאס איז ביי אידן, וואס זיי זיינען דאך גוי א' בארץ וכפי' אדמוה"ז אז זיי פועל'ן אחד בארץ הלזו הגשמית און א איד איז אור לגוים.

עד"ז שפיגעלט זיך דאס אויך אפ בהנוגע ענין של החלטה אז בשעת ער איז מחליט א דבר טוב אויף מארגן איז אע"פ אז עס קען טרעפן א ענין (אפילו היינט נאכמיטאג) וואס קען זיין בסתירה ובהתנגדות צו זיין החלטה וועט ער ניט חרטה האבן און זאגן היפך ובפירוד פון דער החלטה, נאר ער וועט זיך האלטן מיט דער איינער (אחד) החלטה (אע"פ אז דאס קומט אויס היפך שכלו).

דער ענין האחדות האט אויך א קשר מיט ענין המרגלים, שלכאו' פארוואס האט מען געדארפט שיקן י"ב מרגלים (און ווי רש"י (במדבר יג, כג) מאכט דעם חשבון (בהנוגע דעם אשכול וואס מען האט געטראגן) אז אכט האבן געטראגן וכו' און צוויי (יהושע וכלב) האבן ניט געטראגן ווייל כוונתם פון די מרגלים איז ניט געווען רצוי')?

אויך דארף מען פארשטיין: צוליב וואס איז מען געגאנגען לב' קצוות, דרום ומערב (מערב איז דאך געווען מערבו של ארץ ישראל און מערבו של ארץ ישראל איז דער ים הגדול) וויבאלד אז זיי זיינען געגאנגען למזרחה של ארץ ישראל איז פארוואס האבן זיי געדארפט גיין דורך מערבה?

אויך דארף מען פארשטיין: דעם חשבון, וואס רש"י (במדבר יג, כה) שרייבט אז עס איז געווען ת' פרסה על ת' פרסה, ולכאו' עפ"ז האט מען געקענט שיקן צוויי מרגלים אדער י"ב מרגלים און יעדערער זאל גיין למקומו (צו דער נחלה וואס זיין שבט דארף באקומען)?

איז דער ביאור בזה: אז דאס האט געשיקט איין און איינציגער מענטש און דאס איז געווען משה רבינו אליין וואס ע"י"ז האט זיך אויסגעדריקט ענין האחדות (איינציגקייט) אז דער משלח איז נאר איינער און ווי עס שטייט אז עס איז געווען ע"י משה רבינו "לדעתך".

וואס דערפאר איז אע"פ אז מען האט געקאנט שיקן נשיא שבט ראובן צו נחלת ראובן און נשיא שבט שמעון צו נחלתו כו' איז אבער דורך דערויף וואס מען האט געשיקט אלע ביחד צו אלע ערטער האט דאס אויסגעדריקט ענין האחדות בגלוי.

אע"פ אז דערנאך איז געווארן א צוטומלעניש ביניהם פונדעסטוועגן זיינען זיי געגאנגען אלע צוזאמען און זיי זיינען צוריק געגאנגען אלע ביחד און דערנאך גערעדט לפני העם ביחד.

(דאס וואס ביי כלב שטייט אז "רוח אחרת הי' עמו" איז דאס נאר וואס הלך להשתטח על קברי אבות). (חסר קצת)

און עי"ז וואס יעדערע טוט בעבודתו בלימוד התורה ובקיום המצוות און עס ווערט נתגלה אמת האמיתי בטוב הנראה והנגלה ודור דעה יש להם חלק לעוה"ב - [די סיבה צוליב וואס איז פארגעקומען דער סיפור המרגלים (המסקנא) איז געווען ווייל

זיי האבן זיך ניט געוואלט אראפנידערן פון עולם המחשבה צו עולם המעשה וכמ"ש בלקו"ת (וואס דאס איז נאך העכער ווי עס איז געווען ביי משה רבינו וואס זיין רצון איז ניט געווען באופן כזה) - (און עס ווערט נתגלה אז הוי' אחד און שמו אחד) ויש להם חלק לעוה"ב נשמה בגוף, חיים נצחיים ומתוך מנוחה ובשמחה ובטוב לבב.

[ע"כ מהנחה אחרת].

ד. מאמר (כעין שיחה) ד"ה והי' באכלכם מלחם הארץ וגו'.

ה. כרגיל איכעט צו לערנען א רש"י אויפן סדרה, וכמדובר בנוגע צו רש"י אויף וויפיל ער איז מדוייק סיי בחסיר אז בשעת עס איז דא א ארט אז ער דארף מבאר זיין, איז ער דאס מבאר, און סאמער ער האט ניט קיין ביאור זאגט ער "לא ידעתי", וכיו"ב עד"ז איז ער אויך מדוייק ביתיר אז בשעת מען קאן עס אליין פארשטיין, שרייבט ער ניט קיין איבעריקע פי', ולאחרונה שטעלט מען זיך אויף דעם וואס רש"י שטעלט זיך ניט, וואס לכאו' איז דאס א ענין וואס איז שווער צו א בן חמש, און מען געפינט ניט אז רש"י זאל עס באווארענען.

און דאס איז וואס גלייך נאך דעם ווען עס ווערט דערציילט בנוגע צו מצוה חלה (טו, יז ואילך) הויבט אן דער סדרה (שם, כב ואילך) דערציילט בנוגע די דינים בנוגע אויב מען האט עובר געווען אויף ע"ז: וכי תשגו ולא תעשו את כל המצוות האלה (בעבודה זרה הכתוב מדבר - פרש"י) גו' והי' אם מעיני העדה נעשתה לשגגה נעשו כל העדה פר בן בקר אחד לעולה וגו'.

וואס דא שטעלט זיך גלייך דער שאלה, וואס איז די המשך הענינים פון דעם וואס ער רעדט ביז דא וועגען חלה צו דער ענין פון עבודה זרה, ובכלל דער ארט אויף צו דערציילן וועגען קרבנות דאס איז אין ויקרא און צו, און ווי רש"י זאגט דא אז "ע"ז היתה בכלל כל המצוות שהצבור מביאין עלי' פר והרי הכתוב מוציאה כאן מכללן לידון בפר לעולה ושעיר לחטאת", אבער עדיין צלה"ב, ווארום עכ"פ זי איז געווען אין דעם כלל פון ע"ז איז ווי קומט עס דא דאס באלייגנגט גאר אין ויקרא.

לכאו' וואלט מען געקאנט זאגן אז בפשוטו של מקרא דארף רש"י ניט מבאר זיין טעם הסמיכות פון פ' חלה זו ע"ז.

בנדו"ד אבער קען מען אזוי ניט זאגן ווארום אין די פרשה גופא (טו, מא) איז רש"י מבאר די סמיכות פון פרשת מקושש עצים צו ע"ז און צו פ' ציצית, ועד"ז סמיכות פ' חלה לענין המרגלים איז מובן בפשוטו של מקרא: דער אויבערשטער האט באווארנט אז כאטש מעשה המרגלים האט גע'פועל'ט אז (כמה) אידן זאלן בלייבן אין מדבר - זאגט מען גלייך אן "דבר אל בני ישראל גו' בבואכם אל הארץ גו'" אז אידן וועלן אריינגיין אין ארץ ישראל, וע"ד פירוש רש"י עה"פ (טו,ב) כי תבואו - בשר להם שיכנסו לארץ.

עס איז אבער ניט מובן די שייכות פון חלה צו ע"ז - דארף מען פארשטיין פארוואס רש"י איז דא גארניט מפרש.

בנוגע צו פרש"י אבער קען מען אזוי ניט איינלערנען ווייל רש"י איז גארניט מרמז צו אזא פירוש, ובפרט אז אין סוף פרשתנו זאגט רש"י: "למה נסמכה פרשת מקושש לפרשת עכו"ם לומר שהמחלל את השבת כאילו עובד עכו"ם שאף היא שקולה ככל המצוות... ואף פרשת ציצית לכך נסמכה לאלו לפי שאף היא שקולה כנגד כל המצוות".

ד.ה. אז דארט וואו ס'איז דא א הכרח אין פשש"ט מצו זאגן אזא געוויסען זאך איז שקולה כנגד המצוות - דארט זאגט עס רש"י, פון דעם וואס רש"י איז דא גארניט מפרש איז פארשטאנדיק אז ער נעמט ניט אן דער פירוש פון ילקוט שמעוני.